בעזהשי"ת




מוזיק דורך **ר' צבי בלומענפעלד**

# בעזהשי"ת אדון כל, חודש סיון שנת תש"פ לפ"ק

"די ניגונים וואס דער אויבערשטער האט מיר באשאנקען, מיט זיין פילע דערבארעמונג און גענאדע, איז כדאי אז מען זאל עס ארויסגעבן, אפשר וועלן זיי ערוועקן דאס הארץ צו זינגען צו השי"ת מיט אהבה ויראה, ווייל דאס איז דאך דער גאנצער מענטש, צו פארכטן פאר'ן אויבערשטן און אפהיטן זיינע מצוות. אינעם הייליגן ספר 'חרדים' רעכנט ער אויס דאס 'נגינה' אלס א טייל פון די מצוה פון אהבת ה', אז דער נפש זאל זינגען צום אויבערשטן... עס איז כדאי זיך אנצושטרענגן און עס ארויסגעבן, אפשר וועט עס משפיע זיין אויפ'ן הארץ ארייננצוברענגן הרהורי תשובה, תשובה צו טאן בפועל ממש צו אונזער טאט'ן אין הימל"

• [רבינו בעל נועם אליעזר זי"ע בצוואת קדשו]



# בְּנוֹעַ"ם מִלִּים לְךָ תִּקְרָאֶה, וְשִׁי"ר וְהִלּוּלִי"ם כִּי לְךָ נָאֶה

מיט א שבח והודי' צום הייליגן באשעפער טוען מיר פארצושטעלן פאר'ן היימישן צבור דעם הערליכן אלבום וואס אנטהאלט אין זיך א סעריע פון געקליבענע ניגונים פארפאסט געווארן בקדושה וטהרה דורך די הייליגע צדיקים לבית סקולען זי"ע, געזינגען דורך די זיסע קינדערלעך תינוקות של בית רבן, וועלכע וועלן אריינברענגען א שמחה דקדושה און התרוממות הנפש אין יעדע אידישע שטוב.

חבלים נפלו לנו בנעימי"ם, מיר דאנקען השי"ת אויף דעם וואס אין די לעצטע תקופה האט ער אונז געגעבן די גרויסע זכי' ארויסצוגעבן לאור עולם די הייליגע דורכגעווייקטע סקולענער ניגונים - אין די ראמען פון "הוצאת נועם" - כדי דערמיט מהנה צו זיין דעם ערליכן צבור הצמאים לדבר ה' מיט די ניגוני קודש וואס די סקולענער רביים זי"ע האבן דערמיט מקרב געווען טויזענטער אידן לאביהם שבשמים, און דורכדעם זענען מיר מקיים זייער צוואה און וואונטש אז מען זאל פארשפרייטן זייערע הייליגע ניגונים אז דאס זאל כסדר מעורר זיין אידן צו אמונה און מקרב זיין זייערע הערצער לאביהם שבשמים.

אצינד איז אונז א כבוד פארצושטעלן א פרישן רינגל אין דעם הערליכן קייט, 'סקולען מיט אידיש נחת' אלע ניגונים זענען הערליך און זיס אראפגעזונגען געווארן דורך א געקליבענע גרופע פון תינוקות של בית רבן, פון די בא'חנ'טע "אידיש נחת" קינדער, וואס די ריינע קולות פון הבל פיהם פון די ערליכע אידישע קינדערלעך טוט געוויס אסאך צוגעבן צום ווארימען אינהאלט פון די הייליגע ניגונים.

ביי די געלעגנהייט מוזן מיר ארויסברענגען נאך א חידוש וואס איז אונז אנטפלעקט געווארן ביים ארבייטן אויף דעם אלבום, דאס איז ר' משה קרויס, וואס אחוץ זיינע בריליאנטענע טאלאנטן מיטן ארויסברענגען דעם אלבום מכוח אל הפועל, און נישט סתם ארויסגעברענגט, נאר אויף א גאר הויכן ניווא און פראפעסיאנאל ביזן קלענסטן דעטאל. איז ער אויך געגאנגען יותר מדי און אריינגעלייגט זיין גאנצע הארץ און געפיל, סיי עס זאל זיין גוט און סיי עס זאל זיין אויף די מערסט היימישן אויפן, עס זאל קענען אריינגיין אין אלע אידיש הייזער. ועל כולם, מיט אזא צוגעלאזנקייט און איבערגעגעבנקייט.

ווילן מיר אים וואונטשן ער זאל זוכה זיין צו באלייכטן אידישע הייזער פאר לאנגע יארן און אריינברענגען אסאך אידיש נחת. אשריך ר' משה

מיר פארענדיגן מיט א וואונטש אז איר וועט געוויס נהנה זיין פון די אלע ניגונים, און האפנטליך וועט דאס אונז אלע ברענגען נענטער צו השי"ת, ביז מיר וועלן איינגיכן זוכה זיין אז עס וועט מקויים ווערן די נבואה פון ישעי' הנביא (כד, טז) "מִכְּנַף הָאָרֶץ זְמִירוֹ"ת שָׁמַעְנוּ צְבִי לַצַּדִּיק" וואס דאס גייט ארויף אויף די גאולה השלימה בב"א.

מיט פיל דאנק און שעצונג

## מכון נועם



# א ווארט
# פון ר' משה
# קרויס הי"ו פון
# "אידיש נחת"

ווען מ'גיבט ארויס אזא פראיעקט איז די איינציגסטע זאך וואס איך קען זאגן "שקויעך באשעפער פאר מיר געבן די זכיה ארויסצוגעבן אזא הייליגע און שלימות'דיגע אלבום' וואס אן קיין שום ספק וועט דערווארעמען טויזנטער אידישע שטובער מיט הייליגע און ווארימע ניגונים, אראפגעזינגען דורך תשב"ר שלא טעמו טעם חטא, מיט א זיסקייט און א נעימות, וואס צוגייט אין אלע ביינער.

מיין קשר מיט סקולען האט זיך אנגעהויבן אלס קליין קינד ווען ביי מיין טאטן זז"ג אין הויז איז געגאנגען כמעט נאר סקולענע ניגונים, און איך האב אייביג געהאפט אז איך וועל קענען ארבייטן אויף די סקולענע ניגונים, און אשרינו שזכינו.

איך האף אז דער עולם וועט הנאה האבן פון דעם פרויקט אזוי שטארק ווי איך האב הנאה געהאט פון ארבייטן דערויף, און אי"ה וועט דאס זיין די ערשטע רינגל אין א לאנגע קייט פון ווייטערדיגע פראיעקטן צוריקצוברענגען און פרעזערווירן ניגונים פון אמאל.

משה קרויס



# A N   M K   P R O D U C T I O N

**Produced by:**
Moshy Kraus

**Project Manager:**
Yisucher Orgel

**Music Arranged:**
Tzvi Blumenfeld

**Music Production:**
Chaim Guttesman

**Mix And Master:**
Chaim Guttesman

**Vocals Arranged:**
Moshe Kraus
Shmiel Yitzchok Meisels

**Musicians:**
תופים: **ברק אהרן**
בס: **גיא דאהן**
פסנתר: **ירון גוטפריד**
גיטרות: **אבי סינגולדה**
חצוצרות: **עדי המאירי, אדיר כוכבי**
טרומבון: **שחר ליבנה**
כלי נשיפה: **ניצן עין הבר**
כינורות: **Zmirot Symphony Group**
קרן יער: **שרון פולק**
הוקלט באולפני **זמירות-בנט**
טכנאים: **אבי קורלנסקי, מוישי שולמן**
טכנאי: **ארי קרסו**

**Vocals Recorded By:**
Moshe Kraus
Volvi spitser
Anshy Ekstein
Yossi Fromowitz

**Studios Engineer:**
Moshe Kraus
Shmiel Yitzchok Meisels
Volvi Spitser
Cheski Fisch
Yossi Fromowitz

**Studio Recorded:**
MK Studios
Studio Dynamic
Edgware Studios
BYG Studios
Yofah Pro Studios

**Adult Choir:**
ישכר בער ארגעל
שמואל יצחק מייזעלס
יואלי פריעדריך
שלמה ליכטער
מענדי פישער

**Kids Choir:**
אברמי קאהאן
ברוך כוואן
מענדי קעלנער
שלום ליפער
אשי שטאהל
שימי ביקעל
שמשי קרויס
צאלי הערשקאוויטש
יענקי ניימאן
ארי כ"ץ
בענצי לונגער

אלי ברוין
מאטי דערבארעמדיגער
ישעי' קליין
אברהמי דייטש
יודי סאלאמאן
יענקי הערשקאוויטש
נחמן דייטש
זלמי דאסקאל
זלמן לייב פריעדמאן
מרדכי שיין
ישי גראסס
אברהמי קליין
יענקי ניימאן
משה ווינשטאק
יענקי ראזנפעלד
שלומי הערצל
שמואל אפמאן
ארי' גרינוואלד
אברמי שווימער
פישל מיללער
אברמי ראטה
שלמה עליאס
שלמה בנציון בלומענפעלד
יענקי קרעש
יוסי וועבער
נתי ווייס
יצחק יענקלאוויטש
חנינא פראמאוויטש

**Concept & Design**
Dart Media

# 1 | מה אהבתי

**מָה אָהַבְתִּי תוֹרָתֶךָ כָּל הַיּוֹם**
**הִיא שִׂיחָתִי** (תהלים קיט, צז)

דעם ניגון פלעגט רבינו זי"ע זינגען מיט א שמחה דקדושה אין די געהויבענע טעג פון שבועות יום מתן תורתנו און שמחת תורה, און אזוי אויך ביי פארשידענע געלעגנהייטן לכבוד התורה.

*מחבר: כ"ק רבינו זי"ע*

סולן ילד: **יענקי גרין**
סולן: **ר' משה קרויס**

*נתנדב לזכות*
*אלעזר בן רבקה*

# 2 | מה נמלצו

**מַה נִּמְלְצוּ לְחִכִּי אִמְרָתֶךָ מִדְּבַשׁ**
**לְפִי, מִפִּקּוּדֶיךָ אֶתְבּוֹנָן עַל כֵּן שָׂנֵאתִי**
**כָּל אֹרַח שָׁקֶר** (תהלים קיט, קג-קד)

דער ניגון איז געזינגען געווארן ביי רבותינו זי"ע מיט גרויס התעוררות אום יו"ט שבועות און שמחת תורה, און ביי נאך פארשידענע געלעגנהייטן לכבוד התורה.

רבינו זי"ע פלעגט שילדערן מיט געגועים אז ווען זיין פאטער רבינו הנועם אליעזר זי"ע פלעגט זינגען דעם ניגון און גאר שטארק דריקן די תנועה אויף די ווערטער "על כן שנאתי", האט זיך דאן ממש ארויסגעזעהן אויף אים ווי שטארק ער האט פיינט דעם שקר בתכלית השנאה.

*מחבר: כ"ק רבינו בעל נועם אליעזר זי"ע*

סולן ילד: **מאטי זילבערבערג**
סולן: **ר' משה קרויס**

*נתנדב לע"נ ידידינו*
*הבלתי נשכח ר' אהרן*
*ב"ר יקותיאל יודא*
*ז"ל [שפוטץ]*

# 3 | ניגון ביכורים

סולן ילד: **מאטי זילבערבערג**

*מחבר: כ״ק רבינו זי״ע*
*המילים ע״י הרה״ח ר׳ צבי יוסף מיסקי ז״ל*
*[חתן רבינו בעל נועם אליעזר זי״ע].*

*נתנדב ע״י ידידינו החשוב ר׳ יואל*
*ווייס הי״ו, לזכותו ולזכות משפחתו*
*להוושע בכל מילי דמיטב*

**אצינד שטיי איך פאר דיר ליבער ג-ט**
**אין בית המקדש דאס הייליג ארט**
**און ברענג פאר דיר מיין ערשטע גאב**
**און זאג פאר דיר מיין לויבונגס ווארט**
**נעם זשע אן מיט ליב און ווילן**
**מיין קרבן מיין געשאנק**
**הער זשע אויס מיט ליב און ווילן**
**מיין געבעט און מיין געזאנג**
**בענטש די פרוכט פון אונזער ארבייט**
**בענטש דאס פאלק**
**בענטש דאס לאנד**
**זאל דאס פאלק שוין לעבן גליקליך**
**און נישט וויסן פון קיין שאנד**
**זאל דאס פאלק שוין אייביג לעבן**
**אין זיין לאנד און אויף זיין ארט**
**זאל דאס פאלק מיט גליק ערפילן**
**דיין געבאט און דיין הייליג ווארט**

רבינו זי״ע האט ארויפגעלייגט דעם הארציגן ניגון אויף די אינהאלטסרייכע חרוזים פון הרה״ח ר׳ צבי יוסף מיסקי ז״ל, און פלעגט זינגען דעם ניגון מיט די צובראכענע קינדער יתומים ל״ע אין רומעניע ווען ער מיט זיין פאטער רבינו הנועם אליעזר זי״ע האבן מגדל געווען, און דאס האט ארייגעבלאזן א טרייסט און רוח החיים אין זייערע פארקלעמטע הערצער.
ביז׳ן היינטיגן טאג ווערט דער ניגון געזינגען בחצרות קדשנו יעדן יו״ט שבועות חג הביכורים.

# 4 | הושיעה

**הוֹשִׁיעָה אֶת עַמֶּךָ וּבָרֵךְ אֶת נַחֲלָתֶךָ**
**וּרְעֵם וְנַשְּׂאֵם עַד הָעוֹלָם** (תהלים כח, ט)

דער ניגון ווערט געזינגען בחצרות קדשנו ביי פארשידענע זמני שמחה, אום חג הסוכות און צומאל ביים סעודת הודאה מוצש"ק נחמו און נאך.

סולן ילד: **יענקי הערשקאוויטש**
סולן: **הר"ר יושע בערקאוויטש**

*מחבר: כ"ק רבינו בעל נועם אליעזר זי"ע די ערשטע 2 פעלער, און כ"ק רבינו זי"ע האט שפעטער צוגעלייגט דעם הויכן פאל.*



# רגש מענדל'י

5 | נִכְסְפָה 6 | שְׁלַח 7 | בֵּאלֹקִים
8 | וְנַפְשִׁי 9 | אַל יֵבֹשׁוּ 10 | אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ.

נתנדב ע"י ידידינו הנכבד הרה"ח
ר' יהושע רובין הי"ו ממאנסי
לזכותו ולזכות כל משפחתו

סולן ילד: **דאני מענדלאוויטש, יענקי הערשקאוויטש, יודי סאלאמאן, מאטי זילבערבערג**
סולן: **הר"ר נפתלי יוסף מענדלאוויטש**

## 5 | נִכְסְפָה וְגַם כָּלְתָה נַפְשִׁי לְחַצְרוֹת ה' לִבִּי וּבְשָׂרִי יְרַנְּנוּ אֶל אֵל חָי (תהלים פד, ג)

*מחבר: כ"ק רבינו בעל נועם אליעזר זי"ע*

ראש השנה תשי"ט אין די פינסטערע תפיסה אין רומעניע... רבינו בעל נועם אליעזר זי"ע געפינט זיך איינגעשפארט אין איינע פון די קאמערן, די קאמוניסטישע רשעים לאזן גארנישט אריין צו אים, אפילו א שופר צו בלאזן.

זיצט דער הייליגער צדיק און איז זיך מדבק אין הייליגן באשעפער, וועלכער געפינט זיך מיט אים אויך צווישן די דיקע מויערן פון די תפיסה, ווען פלוצלינג צוגייט זיך זיין הארץ מיט אן איסטערלישע תנועה פון בענקשאפט צו השי"ת און אים צו דינען אין אלע אומשטענדען, און וויבאלד ער קען נישט בלאזן קיין שופר היינט וויל ער טוהן א נחת רוח פאר השי"ת מיט דעם ניגון...

דער ניגון "נכספה" איז שטענדיג געווען פון די געהויבנסטע ניגונים ביי רבותינו הקדושים זי"ע, און פלעגט געזינגען ווערן ביי די העכסטע מאמענטן ווען זייער הייליג הארץ האט ארויסגעגעבן אביסל פון זייער איסטערלישע גלוסטעניש צום הייליגן באשעפער, ווען בשעת'ן זאגן די ווערטער 'לבי ובשרי' האבן זיי ארויפגעלייגט די הייליגע הענט אויף זייער הארץ... און אויף די הארץ פון אלע אנוועזנדע וואס זענען נתעורר געווארן צו אהבת השי"ת.

## 6 | שְׁלַח אוֹרְךָ וַאֲמִתְּךָ הֵמָּה יַנְחוּנִי יְבִיאוּנִי אֶל הַר קָדְשְׁךָ וְאֶל מִשְׁכְּנוֹתֶיךָ (תהלים מג, ג)

*מחבר: כ״ק רבינו בעל נועם אליעזר זי״ע*

דער ניגון איז געזינגען געווארן דורך רבותינו הקדושים זי״ע יעדע נאכט חנוכה בשעת די געהויבענע עבודה פון ליכט צינדן, בעטנדיג דערביי א בקשה צום הייליגן באשעפער אז דורך די חנוכה ליכט זאלן מיר שוין זוכה זיין צום ״ערכתי נר למשיחי״ און צו די ליכטיגע תקופה פון די גאולה שלימה בב״א.

## 7 | בֵּאלֹקִים בָּטַחְתִּי לֹא אִירָא מַה יַּעֲשֶׂה אָדָם לִי, עָלַי אֱלֹקִים נְדָרֶיךָ אֲשַׁלֵּם תּוֹדֹת לָךְ (תהלים נו, יב-יג)

*מחבר: כ״ק רבינו זי״ע*

זומער תשי״ט, רבינו זי״ע זיצט אין די ביטערע תפיסה אין רומעניע, וואו די רשעים פייניגן אים כסדר אויס מיט שווערע און ביטערע עינויים איבער זיינע אויפטועו פאר אידישקייט - שטייענדיג געטריי לימין אביו הגדול רבינו בעל נועם אליעזר זי״ע - אבער דער צדיק ווערט נישט געבראכן קיין האר טראץ די ביטערע שווערע קלעפ וואס ער כאפט פון זיי יעדן טאג...

איין טאג נאכ׳ן באקומען שווערע מכות רצח פון די רשעים ארורים, שפירט דער רבי ווי ער האלט דאס מער נישט אויס ל״ע, אבער אין יענע מינוט ווערט אים ארייגעשיינט אין הימל א ווארימען ניגון, וואס ער לייגט ארויף אויפ׳ן פסוק ״באלקים בטחתי״

תיכף נאך שב״ק נחמו ווערט רבינו זי״ע באפרייט צו גיין אהיים, און די קינדערלעך וועלכע קענען שוין קוים ווארטן צו זעהן דעם ליבן פאטער נאך עטליכע חדשים וויילן אין ארעסט, ווערן אויפגעשוידערט ווען זיי זעהן אים דאס ערשטע מאל, זיין גוף צוקלאפט און צובייגלט פון די פילע יסורים ועינויים קשים רח״ל אזש ס׳איז ממש נישט צום דערקענען

אבער דער רבי האט אצינד גאר אן אנדערע זארג: ער וויל אז זיין ניגון וואס השי״ת האט אים געשאנקן אין די שווערסטע מאמענטן אין תפיסה זאל נישט פארגעסן ווערן, און נאך בעפאר מען האט געקענט קומען צו זיך פון די שווערע איבערלעבענישן האט דער רבי צוזאמגערופן די קינדערלעך און האט מיט זיי עטליכע געזינגען דעם ניגון אויף די ווערטער ״באלקים בטחתי״, ביז זיי האבן זיך דאס גוט אויסגעלערנט, אזוי האט ער געמאכט זיכער אז דער ניגון זאל בלייבן אלס אנדענק פון יענע שווערע מאמענטן ווען ער האט געשפירט ווי השי״ת איז מיט אים די גאנצע צייט!

במשך די יארן איז דער ניגון געזינגען געווארן מיט גרויס התעוררות ביי פארשידענע געהויבענע מעמדים בחצרות קדשנו.

## 8 | וְנַפְשִׁי שִׁפְכִי כַמַּיִם לִבֵּךְ נֹכַח פְּנֵי ה׳ (ע״פ איכה ב, יט)

*מחבר: כ״ק רבינו בעל נועם אליעזר זי״ע*

דאס יאר תשי״ז איז געווען פון די שווערסטע תקופות פאר׳ן רומענישן אידנטום, ווען די רשעים ימ״ש האבן אין א תקופה פון געציילטע חדשים איינגעזעצט פילע אומשולדיגע אידן אין די שווערע תפיסות. רבינו הנועם אליעזר זי״ע וועלכער פלעגט מיט מסי״נ ארומפארן אין די שטעט מחזק זיין אידישע קינדער, איז אויף איין שב״ק אנגעקומען צו די עיר ואם בישראל סיגעט, וואו א גרויסער עולם פון אומעטום איז געקומען צו פארן כדי זיך צו דערווארעמען אונטער דעם רבי׳נס ווארימע פליגלען, טראץ דעם שרעקליכן פחד פון די קאמוניסטישע געהיים פאליציי.

אינמיטן טיש ביים זינגען כל מקדש באמערקט רבינו זי״ע באמערקט אז דער עולם איז זייער אומעטיג, אוי געוואלד! ס׳איז דאך שב״ק און מען דארף דאך זיין בשמחה! אין יענע רגע ווערט אים ארייגעשיינט פון הימל א זיסע תנועה וואס ער לייגט ארויף אויף די ווערטער ״ונפשי שפכי כמים לבך נוכח פני ה׳״. דער רבי האט פארפאסט די תנועה אויף א שנעלן ריטם און האט אויפ׳ן פלאץ דאס אנגעהויבן זינגען, ווען צוביסלעך האט דער עולם אויפגעלעבט און מען אנגעהויבן טאנצן מיט א פרייד לכבוד שב״ק פאר כמעט א

גאנצע שעה נאכאנאנד!

דורכאויס די יארן איז דער ניגון געטוישט געווארן צו מער א א פאמעליכע תנועה פון געבעט און בענקשאפט. און וויבאלד די ווערטער זענען גענומען געווארן פון מגילת איכה האט דער רבי צוגעלייגט אין אנהייב דעם ווארט 'ונפשי', כדי אז מען זאל נישט זינגען אום שב"ק ויו"ט א פסוק פון איכה מיט'ן געוויעם לשון.

## 9 | אַל יֵבֹשׁוּ בִי קֹוֶיךָ ה' אֱלֹקִים צְבָאוֹת אַל יִכָּלְמוּ בִי מְבַקְשֶׁיךָ אֱלֹקֵי יִשְׂרָאֵל (תהלים סט, ז)

*מחבר: כ"ק רבינו בעל נועם אליעזר זי"ע*

רבינו בעל נועם אליעזר זי"ע פלעגט שטילערהייט זיך אונטערזינגען דעם ניגון יעדן פרייטאג צונאכטס אריינגייענדיג אין זיין צימער נאכ'ן ענדיגן דעם טיש, ווען טייכן טרערן גיסן זיך פון זיינע הייליגע אויגן, וואס צוליב זיין אויסטערלישע ענוה האט ער געבעטן פון השי"ת אז דער צבור וואס קומט צו אים זאל זיך מיט אים נישט שעמען...

דער ניגון ווערט געזינגען געווארן אלע יארן בחצרות דורכאויס די הייליגע טעג און יו"ט סוכות, ווי אויך ביומא דהילולא קדישא ערב ר"ח אלול.

## 10 | אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ. קַבֵּל בְּרַחֲמִים וּבְרָצוֹן אֶת תְּפִלָּתֵנוּ

*מחבר: כ"ק רבינו זי"ע*

דער ניגון איז נתחבר געווארן דורך רבינו זי"ע בעפאר די ימי החנוכה שנת תשל"א, אין די תקופה ווען אביו רבינו הנועם אליעזר זי"ע האט ליידער אנגעהויבן צו ליידן אויף די ראי', און דער רבי זי"ע האט דערמיט אויסגעדריקט זיין טיפע בקשה צו השי"ת אז זיין הייליגער טאטע רבינו זי"ע זאל האבן א גאנצע רפואה וישועה.

רבינו בעל נועם אליעזר זי"ע האט דאן געבעטן פונעם זוהן רבינו זי"ע אז ער זאל קומען איין נאכט חנוכה צום ליכט צינדן מיט זיינע קינדער, און צוזאמען זאלן זיי זינגען דעם ניגון און דאס אויסלערנען פאר'ן עולם.

דער ניגון ווערט געזינגען ביז היינט בחצרות קדשנו מיט אן אויסטערלישן התעוררות אין די ליכטיגע נעכט פון חנוכה, און ביי די חופות פון רבינ'ס אייניקלעך.



# 11 | אלו דברים

*מחבר: כ״ק רבינו זי״ע*

סולן ילד: **דאני מענדלאוויטש**,
סולן: **ישראלי לויפער**

**אֵלּוּ דְבָרִים שֶׁאֵין לָהֶם שִׁעוּר הַפֵּאָה וְהַבִּכּוּרִים וְהָרֵאָיוֹן וּגְמִילוּת חֲסָדִים וְתַלְמוּד תּוֹרָה** (משנה ריש מס' פאה)

דער ניגון אויף די ווערטער וואס מען זאגט יעדן אינדערפרי גלייך נאך ברכת התורה, פלעגט רבינו זי״ע זינגען אין די לעצטע יארן מיט גרויס התלהבות צענדליגער מאל יעדן פארטאגס בעפאר׳ן זאגן ברכת התורה, און ביי א געלעגענהייט ווען א קבוצה אייניקלעך זענען געקומען זיך געזעגענען בעפאר׳ן אוועקפארן לערנען אין ישיבה האט ער געזינגען מיט זיי דעם ניגון כדי אריינצוברענגען אין זיי חשקות התורה.



# שמחה מנדי

12 | וְאָמַר 13 | הַמֵּאִיר 14 | אָנָּא
15 | וְיִשְׂמְחוּ 16 | וְנִשְׂגָּבָה

סולן ילד: **בענצי לונגער, דני מענדלאוויטש, אשי שטאהל**
סולן: **הר"ר יואל פריינד**

*נתנדב ע"י ידידינו הרבני החשוב רודף צדקה וחסד הי"ו הרוצה בעילום שמו*

## 12 | וְאָמַר בַּיּוֹם הַהוּא הִנֵּה אֱלֹקֵינוּ זֶה קִוִּינוּ לוֹ וְיוֹשִׁיעֵנוּ זֶה ה' קִוִּינוּ לוֹ נָגִילָה וְנִשְׂמְחָה בִּישׁוּעָתוֹ (ישעי' כה, ט)

*מחבר: דער ערשטער פאל דורך כ"ק רבינו בעל נועם אליעזר זי"ע, און כ"ק רבינו זי"ע האט שפעטער צוגעלייגט דעם העכערן פאל*

דער ניגון ווערט געזינגען בחצרות קדשנו אין די צווייטע טעג סוכות און אין אנדערע פריילֿיכע זמנים.

## 13 | הַמֵּאִיר לָאָרֶץ וְלַדָּרִים עָלֶיהָ בְּרַחֲמִים. וּבְטוּבוֹ מְחַדֵּשׁ בְּכָל יוֹם תָּמִיד מַעֲשֵׂה בְרֵאשִׁית (ברכת יוצר אור)

*מחבר: כ"ק רבינו בעל נועם אליעזר זי"ע*

דער ניגון איז פארפאסט געווארן מיט יארן צוריק אין רומעניע, און איז געזינגען געווארן דורך רבותינו זי"ע ביי סעודת מלוה מלכה יעדן מוצאי שב"ק אין די טיפע נאכט שעה'ן, בשעת עס טוהט שוין אט אט אויפשיינען דער פרימארגן פונעם קומענדיגן וואך.

## 14 | אָנָּא ה' הוֹשִׁיעָה נָּא אָנָּא ה' הַצְלִיחָה נָּא (תהלים קיח, כה)

*מחבר: כ"ק רבינו זי"ע*

דער פסוק פון הלל איז געזינגען געווארן דורך רבותינו זי"ע מיט גרויס התלהבות יעדן פרייטאג צונאכטס בעפאר קידוש, אין די לעצטע יארן האט דער רבי זי"ע געזינגען דעם תנועה.

## 15 | וְיִשְׂמְחוּ כָל חוֹסֵי בָךְ לְעוֹלָם יְרַנֵּנוּ וְתָסֵךְ עָלֵימוֹ וְיַעְלְצוּ בְךָ אֹהֲבֵי שְׁמֶךָ, כִּי אַתָּה תְּבָרֵךְ צַדִּיק ה' כַּצִּנָּה רָצוֹן תַּעְטְרֶנּוּ (תהלים ה, יב-יג)

*מחבר: כ"ק רבינו בעל נועם אליעזר זי"ע*

דעם פריילכן ניגון האט רבינו הנועם אליעזר זי"ע מחבר געווען מיט יארן צוריק אין רומעניע, און עס ווערט בחצרות קדשנו ביי אלע טישן פון זמן שמחתנו חג הסוכות בצלא דמהימנותא.

## 16 | וְנִשְׂגָּב ה' לְבַדּוֹ בַּיּוֹם הַהוּא (ישעי' ב, יא)

*מחבר: כ"ק רבינו בעל נועם אליעזר זי"ע*

דער באוואוסטער ניגון וואס רבותינו הקדושים זי"ע האבן געזינגען יעדעס מאל נאכ'ן ענדיגן דעם שלחן הטהור, איז פארפאסט געווארן אין רומעניע דורך רבינו בעל נועם אליעזר זי"ע, און איז געווארן דאן אזוי פאפולער אז אין א געוויסע געלעגנהייט האט די נאציאנאלע ראדיא דאס אויפגעשפילט אלס די הימנע פונעם אידישן פאלק.

ווען רבינו זי"ע האט געהערט דערפון האט ער זיך אנגערופן במליצת לשונו הטהור "עס איז טאקע ריכטיג, דאס איז די אידישע הימנע! מיר שטיין און ווארטן אויף ונשגב ה' לבדו"! און גלייכצייטיג האט ער ארויסגעברענגט מיט ליצנותא דעבודה זרה וויאזוי די קאמוניסטישע הערשאפט איז זיך אליינס סותר, ווייל דא לאזן זיי שפילן אלס די אידישע הימנע א ניגון וואס רעדט פון די גרויסקייט פון השי"ת און למעשה זייער גאנצער עקזיסטענץ איז רח"ל געבויט אויפ'ן היפך דערפון!



# סקולען מעדלי


17 | עֲשֵׂה 18 | אֵלֶיךָ ה'
19 | טוֹב לְהֹדוֹת 20 | ניגון שלש סעודות


סולן ילד: **דני מענדלאוויטש, יענקי הערשקאוויטש, יענקי גרין**
סולן: **הר"ר שלמה הערש עקשטיין**

*נתנדב ע"י ידידינו הרבני*
*החשוב רודף צדקה וחסד*
*הי"ו הרוצה בעילום שמו*

## 17 | עֲשֵׂה לְמַעַן תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן. עֲשֵׂה לְמַעַנְךָ אִם לֹא לְמַעֲנֵנוּ. עֲשֵׂה לְמַעַנְךָ וְהוֹשִׁיעֵנוּ.

(פיוט "א-ל רחום שמך" מסדר הסליחות)

כ"ק רבינו בעל נועם אליעזר זי"ע האט מחבר געווען די ערשטע 2 פעלער, און כ"ק רבינו זי"ע האט שפעטער צוגעלייגט פונעם הויכן פאל און ווייטער.

דער ניגון איז געזינגען געווארן יעדעס יאר שמחת תורה ביי די הקפות מיט גרויס התעוררות, בשעת די תינוקות של בית רבן האבן זיך דאן געזעצט ארום כ"ק רבינו זי"ע כשתילי זיתים סביב לשלחנו, און דערביי האט רבינו זי"ע באטראכט די קינדער מיט זיין ליבליכן בליק כרחם אב על בניו.

ס'איז כדאי צו דערציילן אז אין איינע פון די ערשטע יארן דא אין אמעריקע ווען רבינו הנועם אליעזר זי"ע האט געמאכט א דינער פאר די הייליגע מוסדות "חסד לאברהם", האט ער געבעטן פונעם סאטמארן חדר אין קרוינהייטס אז זיי זאלן אים שיקן א גרופע קינדער צו זינגען בשעת מעשה, און דער רבי זי"ע האט זיי דאן אויסגעלערנט דעם ניגון, וואס די קינדער האבן טאקע געזינגעןביים דינער כדי אזוי ארום מעורר צו זיין די אנוועזענדע צו שטיצן די תינוקות של בית רבן פון חסד לאברהם.

## 18 | אֵלֶיךָ ה' אֶקְרָא וְאֶל אֲדֹנָי אֶתְחַנָּן, מַה בֶּצַע בְּדָמִי בְּרִדְתִּי אֶל שָׁחַת הֲיוֹדְךָ עָפָר הֲיַגִּיד אֲמִתֶּךָ, שְׁמַע ה' וְחָנֵּנִי ה' הֱיֵה עֹזֵר לִי (תהלים ל, ט-יא)

*מחבר: כ"ק רבינו זי"ע*

דער ניגון ווערט געזינגען ביי די טישן בחצרות קדשנו בימי החנוכה.

## 19 | טוֹב לְהֹדוֹת לַה' וּלְזַמֵּר לְשִׁמְךָ עֶלְיוֹן, לְהַגִּיד בַּבֹּקֶר חַסְדֶּךָ וֶאֱמוּנָתְךָ בַּלֵּילוֹת (תהלים צב, ב-ג)

*מחבר: כ"ק רבינו זי"ע*

תשואת חן לידידינו הרה"ח המפואר מו"ה שמעון ישראל פריעד הי"ו, נאמן ביתו של רבינו זי"ע רבות בשנים - שהמציא לנו הניגון הלזו

## 20 | ניגון שלש סעודות

*מחבר: כ"ק רבינו זי"ע*

דער ניגון אן ווערטער האט דער רבי זי"ע מחבר געווען ביי איין שלש סעודות, און איז שפעטער ענטדעקט געווארן דורכ'ן משב"ק יבלחט"א הרה"ח ר' אברהם יצחק בלום שליט"א. דער רבי פלעגט דאס זינט דאן זינגען יעדע וואך ביי שלש סעודות בשעת'ן עסן די פיש.

## 21 | עץ חיים

*מחבר: כ"ק רבינו בעל נועם אליעזר זי"ע*

סולן ילד: **שיעלע אסטרייכער, דני מענדלאוויטש**

**עֵץ חַיִּים הִיא לַמַּחֲזִיקִים בָּהּ. וְתֹמְכֶיהָ מְאֻשָּׁר** (משלי ג, יח)

**דְּרָכֶיהָ דַרְכֵי נֹעַם וְכָל נְתִיבוֹתֶיהָ שָׁלוֹם:** (שם שם, יז)

**הֲשִׁיבֵנוּ ה' אֵלֶיךָ וְנָשׁוּבָה חַדֵּשׁ יָמֵינוּ כְּקֶדֶם** (איכה ה, כא)

דער ניגון אויף די דריי פסוקים וואס מען זאגט ביים אריינלייגן די ספר תורה אין ארון קודש, איז נתחבר געווארן נאך מיט יארן צוריק אין טשערנאוויץ, און ווערט געזינגען בקביעות בחצרות קדשנו יעדן יו"ט שבועות און שמחת תורה, אזוי אויך אין די פרשיות פון קבלת התורה און אין פארשידענע מאורעות לכבוד התורה.

# הכרת הטוב

צו מיין טייערער ידיד און שותף דער גרינדער פון אידיש נחת, **ר' יוסי גרין**

איינע פון די חשוב'סטע פאזעס פון ארויסגעבן אזא אלבום איז מאכן דעם ביכל, און נישט נאר ווייל דאס ברענגט ארויס די תוכן פונעם אלבום צו די אידן וואס קויפן אונזערע אלבום'ס, נאר אויך ווייל עס געבט מיר ווידעראמאל די געלעגנהייט אויסצודריקן אין די עפנטליכקייט מיין הכרת הטוב און מיינע געפילן צו דיר.

יוסי: די הנאה וואס איך האב ווען מיר ארבייטן צוזאמען איז נישט עפעס וואס איך קען שילדערן מיט ווערטער, און די געטריישאפט וואס דו האסט צו מיר און צו אונזערע קינדער, איז עפעס וואס איך דאנק דערויף דעם באשעפער יעדן טאג. דו ביסט גרייט צו יעדע צייט ארויסצוהעלפן מיט יעדע זאך וואס איך דארף, סיי מיט מיין ארבייט און אויך אין מיין פערזענליכע לעבן,

שקויעך יוסי, פארן זיין דא מיט מיר ביי יעדן טריט אין שריט, פאר דיין הילף אויף דעם אלבום און אויף אלע אנדערע פראיעקטן וואס מיר טוען צוזאמען. איך קען קוים ווארטן צו קענען מיטטיילן מיט די גאנצע אידישע וועלט אונזערע פרישע ווערק.

**צבי בלומענפעלד** - יעדעס ווארט וואס מען זאגט איז איבעריג, יעדער וואס הערט אויס דעם אלבום פארשטייט שוין אליין וואס דו האסט דא אריינגעלייגט, דיין ארבייט שיינט אויף יעדן ריד. איך קוק ארויס צו קענען מאכן נאך אסאך אזעלכע פראיעקטן

הכרת הטוב צו **ר' חיים לאוב** וואס איז שטענדיג דא און ארבייט אייביג הונטער די קוליסן, אויף יעדן פראיעקט פון אונזער סטודיא, אז אלעס זאל קלאפן על צד היותר טוב.

צו מיין געטרייע **אשת חיל,** און מיינע לעכטיגע קינדערלעך, **סימי, טויבי, געלי, און מרים**

די שקויעך איז נישט נאר פון מיר, נאר אויך פון די אלע טויזנטער אידן וואס זענען נהנה פון דעם אלבום און פון אלע אנדערע אלבום'ס וואס ברענגען אריין א ווארימקייט אין אידישע שטובער.

איך וואלט עס נישט געקענט טוהן אן אייער הילף, פארשטאנד, און שטיצע

איר שטייט מיר שטענדיג פאר די אויגן, און איך בעט אז איר זאלט מצליח זיין מיט אלעס וואס איר טוט, און איר זאלט אויסוואקסן געזונט און ערליך, און שטענדיג ברענגען אידיש נחת פארן בוכ"ע

צו מיין טייערע **MK טיעם**
ר' ישכר בער ארגעל
ר' שמואל יצחק מייזעלס
ר' וואלווי שפיטצער

די געטריישאפט וואס איר ווייזט ארויס צו אונזער ארבייט און אונזער מיסיע, שטייגט איבער אפילו די אויסגעצייכנטע ארבייט וואס איר טוט יעדן טאג.

איך שפיר גליקלעך צו האבן אזעלכע טאלאנטפולע און געטרייע מענטשן ביי מיין זייט, און איך קוק ארויס אויף אונזער ווייטערדיגע מיטארבייט

איך וויל אויסדריקן מיין הכרת הטוב פאר מיינע **חשוב'ע עלטערן** וואס האבן מיך אינספירירט אין מיינע אינגע יארן צו קענען אויסוואקסן און אנקומען ווי איך בין יעצט.
ווי אויך צו מיין חשוב'ע **שווער און שוויגער** וואס שטייען אייביג צו די האנט מיט אן אויסערגעווענליכער און זעלטענער געטריישאפט.

מיין לאנגיעריגער ידיד **הר"ר יוסף משה כהנא** - לחיים דיסטריביוטער - פאר אלע אייערע הילף מיט פארשפרייטן אונזערע סידיס

**ר' אבא בערקאוויטש** - פארן שטענדיג ארויסהעלפן בעצה ותושיע צו יעדע צייט און ספעציעל ביי דעם יעצטיגער פראיעקט.

**גערשי שווארץ** - דיין טאלאנט איז אומשאצבאר, קיינמאל הערט מען נישט פון דיר ניין.

**גדלי' ווייזער** - קיינמאל זאגסטו נישט ניין, און אייביג אוועילעבל צו העלפן נישט נאר אונז, נאר אויך יעדן איד.

**ר' ארי ווייזער** פון "אידישער ווינקל" - פאר שטענדיג פראמאוטן און ארויסלייגן אונזערע זאכן, און ספעציעל פארן פארבארגן די אידישע ווינקל הויפטקוואטירן, ווען מיר האבן געדארפט ענדיגן דעם אלבום.

**ר' יודי מאנדל ומשפחתו** - די הצלחה פון אזא שיינער קאווער גייט פאר אייך.

**ר' ישראל אויערבאך** - נישטא קיין פראיעקט וואס גייט דורך אונזערע הענט וואס דו האסט נישט א חלק דערין.

**ר' זלמן ווידער** פון קול מבשר - דו האסט די זכיה צו פירן דעם שופר של יהדות החרדית.

**ר' שלמה שטיינמעץ** - די פיוואט גרופ - פאר אלע דיינע הילף פאר אידיש נחת.

**לייבי פאסטען** - די קינדער ווארטן אויף נאך א ילדי טריפ.

די **עמעזינג דארט טיעם**. פאר די אימערמידליכע ארבייט וואס איר האט אריינגעלייגט. א דארט פראדוקט זעט מען פונדערווייטנס!

**מוישי**

# מזמור לתודה

בגמר מלאכתנו לא נוכל לעצור במילין להביע תודה ורננה להני אנשי שם ידידים נאמנים שעמדו לימיננו
ובאו לעזרתנו במשך כל זמן עריכת הסי. די. הלזו, ומבלתי עזרתם לא הי' אפשרות לברך על המוגמר

בראש וראשון ידידינו החשוב האברך היקר מחשובי אנ"ש
## ר' ברוך צבי [הערשי] פארטוגאל הי"ו
**שעמד לימינינו במסירות נפלאה בכל עת ועונה זה עידן טובא יומם ולילה לא ישבות, ומסר כל לבו ונפשו למען הצלחת הענין**

ידידינו החשובים האברך היקר כביר המעש
## מו"ה יעקב מנחם איצקאוויטש הי"ו
ואתו עמו האברך היקר **מו"ה שלו' דוב דאכנער הי"ו**
**שעמדו לימיננו במסירות נאמנה במשך כל הזמן**

ידידינו החשובים העומדים על הפקודים רבות בשנים במסירות נאמנה לשרת בקודש אצל רבינו זי"ע
## מו"ה אברהם יצחק בלום הי"ו, משב"ק
## ומו"ה מרדכי שמואל כהן הי"ו, משב"ק
**שהי' לנו לעזור ואחיסמך בכל עת ועונה**

ידידינו החשוב
## מו"ה יצחק דוב וויינבערגער הי"ו מעיר מאנטריאל יצ"ו
**שהי' לנו לעזור ואחיסמך בכל עת ועונה**

ידידינו הרה"ח מחשובי מתפללי בית מדרשנו לשונו עט סופר מהיר
## מו"ה משה משולם זושא שניצלער הי"ו
**על מסירותו הנפלאה בכל עת ועונה**

ידידינו החשוב המנצח על הנגינו"ת בחצרות קדשנו זה רבות בשנים, ועומד לימיננו בכל עת ועונה
## מו"ה יהודה בנימין שטראהלי הי"ו
**שהקדיש לנו מעתותיו היקרים במשך כל הזמן במסירות נפלאה**

ידידינו החשוב שזכה לשמש את רבינו זי"ע בנאמנות רבות בשנים
## מו"ה יקותיאל יודא פשערהאפער הי"ו, משב"ק
**שעמד לימיננו במשך כל הזמן בעצה ותושי'**

**ישאו ברכה מאת ה' וצדקה מאלקי ישעם, וזכותם של רבותינו הקדושים זי"ע יעמוד להם להתברך בכל מילי דמיטב בגשמיות ורוחניות, הם ונשיהם ובניהם וכל אשר להם**

המברכים מעומק הלב
## מכון נועם


MK